# מאמר התחזקות:

א רייכע פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים

לקראת יומא דהילולא קדישא כ"ו אב



געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון נ"ט | ראה תש"פ

# קדושה און פקחות

## שמירת עינים במשנת מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע

**מאמרים ופתגמים | עובדות וסיפורים | הוראות והדרכות**

שטייענדיג אין די טעג פונעם יומא דהילולא קדישא פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, האבן מיר היי יאר ווידעראמאל די זכיה צו ברענגען פאר'ן ציבור לענבארע סיפורים און מאמרים ממשנתו הטהורה. סיי ווי ער האט געמאנט און געפאדערט פון זיינע תלמידים זיך צו פירן מיט אן אפגעהיטנקייט, מיט שמירת עינים און ריינע מחשבות, און סיי דאס געוואלדיגע חשיבות דערפון.

די הייליגע תורות פונעם רבי'ן זענען פול מיט דברי התעוררות אויף די אלע ענינים וועלכע זענען נוקבים ויורדים לחדרי בטן, און זענען באגלייט מיט אויסטערלישע ווארעמע דברי חיזוק ועידוד ווי ווייט חשוב ס'איז ביים בורא עולם יעדע עבודה פון התגברות היצר אינעם היינטיגן דור. דער רבי זי"ע האט עטליכע מאל געזאגט, אז דערפאר האט אונז דער רבש"ע אריינגעשיקט אין דעם דור מיט אזויפיל נסיונות, כדי מיר זאלן ערפילן מיט'ן "סור מרע" די גרויסע עבודה וואס די פריערדיגע צדיקים האבן אויפגעטון מיט'ן "עשה טוב", וואס ליידער האבן מיר נישט די גרויסע כוחות פון אמאל.

אין אלע געלעגנהייטן, אין די הייליגסטע צייטן פון יאר, האט דער רבי שטענדיג ארומגערעדט ווי א איד דארף זיך פירן בקדושה וטהרה. און דאס איז טאקע געבליבן ביי די תלמידים איינגעקריצט ווי א נאטירליכער חלק פון א איד, אז דער ערשטער טריט אין עבודת ה' איז צו היטן די אויגן און די מחשבות, צו האבן א ריין הארץ וואו דער רבש"ע זאל קענען רוען.

כאטש וואס די ספרים פונעם רבי'ן זענען אפן און יעדער קען לערנען דערין, איז אבער דא א באזונדערע משמעות פון א סיפור, א מעשה רב, וויבאלד ווען מ'זעט דעם רבי'נ'ס געוואלדיגן פחד ווי ער איז אנטלאפן פון יעדן נדנוד של איסור, און מ'הערט ערשטהאנטיגע סיפורים פון די תלמידים און משמשים בקודש, איז עס מקרב אל הדעת און וועקן אויף דאס הארץ צו די אלע תורות און דברי התעוררות וואס מ'זעט אין די ספרים זיי צו קענען מקיים זיין למעשה.

**וזכינו לגדל בנים ובני בנים:**

## דער עיקר הצלחה מיט די קינדער

הרה"ח ר' נח קליין שליט"א פארציילט, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן, איז הרה"ג ר' נתן יוסף מייזעלס ז"ל אריין צו מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, בעטן ער זאל געבן א דרשה פאר די יונגעלייט וואס גייען ארויס ארבעטן און באגעגענען זיך מיט אסאך נסיונות אין שמירת עינים. דער רבי האט טאקע געזאגט א פייערדיגע דרשה איבער דעם ענין, רעדנדיג מיט דברי תוכחה און צו דער זעלבער צייט מיט א זיסקייט איבער דער וויכטיגקייט פון היטן די אויגן.

בתוך הדברים האט דער רבי געזאגט: **"לויט דער כוונה און דעם התרגשות וואס מ'זעט אויף א איד ביים דאווענען, קען מען גוט דערקענען ווי נזהר ער איז ביים גיין אויף דער גאס!"**

אויך האט דער רבי געזאגט ביי דער דרשה מורא'דיגע ווערטער: **"דער עיקר הצלחה מיט די קינדער ווענדט זיך אין שמירת עינים, און אויב איז מען נישט געווארנט אין דעם, קען עס שטארק שאטן פאר'ן רוחניות פון די קינדער".**

**מפי הרה"ח ר' נח קליין**

## משנתו של רבינו:

# דער "אייגענעם" עין הרע איז אסאך ערגער ווי "יענעמ'ס" עין הרע

**בן פורת יוסף בן פורת עלי עין בנות צעדה עלי שור** (בראשית מט כב). **זאגט רש"י**, "בן פורת" לשון חן. "בנות צעדה עלי שור", בנות זענען געשטאנען אויף דער חומה, זיי האבן מסתכל געווען ביפיו, יעדער האט אים געוואלט זען. נאך א פשט ברענגט ער, "בן פורת עלי עין", ס'זאל נישט שולט זיין קיין עין הרע אין אים, אזוי ווי "וידגו לרוב" (בראשית מח טז), כדגים הללו שאין עין הרע שולט בהם.

דער תרגום יונתן זאגט אן אנדערן פשט: דעמאלץ ווען יוסף איז ארויסגעגאנגען על ארץ מצרים, ער איז געווארן א שליט ומושל אין ארץ מצרים, זענען אלע בנות מלכים ושרים געשטאנען עלי חומה, בנות צעדה עלי שור, **זיי האבן אים געווארפן שירין וקטלאין, פארשידענע צירונגען, זיי האבן געקלערט ער וועט אויפהייבן די אויגן און ער וועט געבן א קוק אויף זיי, אבער ער האט זיך מתגבר געווען, ער האט נישט געווארפן קיין אויג, און ער האט נישט געקוקט אויף קיינעם, דאס איז טייטש בן פורת "עלי עין".**

המשך אויף זייט 2

**זכות הוצאות הגליון**

נתנדב לזכות הנדבן
לברכה והצלחה בכל ענינים

זכות הגדול של זיכוי הרבים לאלפי בני ישראל יעמוד להנדבן, לו ולזרעו, שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רוויחי וסייעתא דשמיא בכל דרכיו. אמן.

## משנתו של רבינו:

המשך פון זייט 1

דער תרגום ירושלמי זאגט נאך צו, זיי האבן אלע געזאגט 'דין יוסף חסידא', אז ער גייט נישט נאך עיניו ולבו והרהור, ער היט זיך פון א הרהור, ער זאל זיך נישט פארזינדיגן פארן באשעפער. **ער האט גובר געווען, זיך געשטארקט אויף די אויגן, זיי האבן געזען אז ער האט אפגעהיטענע אויגן. דאס ערשטע הייבט זיך דאך אהן ביי די אויגן, עין רואה ולב חומד און חלילה דערנאך ווייטער.**

[ואפ"ל] דער פשט וואס רש"י זאגט איז גאר אפשר אויך נכלל [אין דעם], ער זאל אפגעהיטן ווערן פון א 'עין הרע', פון א שלעכט אויג, **חלילה א שלעכט אויג פון זיך אליין, אז מען קוקט וואו מען ברויך נישט נעמט מען זיך חלילה וחס אליין אן 'עין הרע'** - דער חטא ווערט דאך אנגערופן 'רע', אז מען קוקט מיטן אויג אז ס'ברענגט חלילה 'רע', עס איז עין רואה ולב חומד, און וואס עס טוט זיך דערנאך ווייטער, עס ברענגט דעם חטא [וואס] ווערט דאך אנגערופן רע, ויהי ער בכור יהודה 'רע' בעיני ה' (בראשית לח ז) - **דאס איז א ריכטיגער 'עין הרע', דאס איז נאך ארגער ווי יענעמס 'עין הרע'. סתם עין איז פון יענעם, אבער חלילה א שלעכט אויג פון זיך אליין איז נאך ארגער, ווייל מען איז אליין חלילה נישט אפגעהיטן פון אן עין הרע.**

דער אמת, אין די פריעריגע דורות זענען געווען מוכיחים ומדריכים, [אבער] דאס [היינטיגע] דור האט מען געלאזט אויפן דור אליין. **דאס ערשטע זאל מען אויף זיך מקבל זיין בן פורת עלי עין, מען זאל האבן אפגעהיטענע אויגן, אפגעהיטענע מחשבות פון הרהורים רעים, און אפגעהיטענע מעשים.**

לשון רבינו (בדילוג) ס"ג ויחי תשכ"ב,
מובא בגליון קדושת יואל פ' ויחי תש"פ

### ברית כרתי לעיני:

## דעם רבי'נס "שבועה" אין מיאמי

ס'האט פארציילט **הרה"ק רבי יודעלע דזיקובער זי"ע** וואס ער האט געהערט פון איינעם פון די שטוב מענטשן פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, אז זייענדיג אמאל אין מיאמי פלארידע אינאיינעם מיט'ן רבי'ן, האט ער געקלערט אז ער וויל פרעגן דעם רבי'ן איבער דעם וואס ער קומט קיין מיאמי, וואו ס'זענען דא כידוע שטארקע נסיונות מיט שמירת עינים. יענער האט געקווענקלט צי ער זאל פרעגן אדער נישט, ביז צום סוף האט ער זיך אנגעגארטלט מיט קוראזש, און ציטערדיגערהייט איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן און געפרעגט פארוואס דער רבי קומט אהער.

הערנדיג די שאלה, האט דער רבי אנגעכאפט יענעמ'ס האנט, זיך אנרופנדיג: "**גלייב מיר, פון ווען איך בין אהערגעקומען, האב איך נאך גארנישט געזען!**" און דער רבי האט איבערגע'חזר'ט זיינע ווערטער, "**פון ווען איך בין אהערגעקומען, האב איך נאך גארנישט געזען!**"

הרה"ק רבי יודעלע האט אויסגעפירט אז צוויי מאל איבערזאגן א זאך אז ווי א שבועה. דער רבי האט ווי געגעבן א שבועה אז ער האט באמת גארנישט געזען!

מפי **הרה"ח ר' נפתלי וואלדמאן שליט"א**
ששמע **מפי הרה"ק רבי יודעלע זי"ע**

### בעינים על הדרך:

## מוותר געווען אויפ'ן שפאציר

ס'פארציילט הרה"ח ר' מאיר שניצלער הי"ו, הויז-בחור ביי מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע:

ווען דער רבי איז אויף די עלטערע יארן געווען אין בעל הארבער, האט דער דאקטער געהייסן אז דער רבי זאל גיין שפאצירן יעדן טאג פאר זיין געזונט. פלעגט ער גיין יעדער נאכט איינס-צוויי גאסן אין באגלייטונג פון עטליכע מקורבים.

אמאל האט דער דאקטער געהייסן אז דער רבי זאל אויך גיין שפאצירן אינדערפרי. האט ער טאקע אנגעהויבן גיין שפאצירן אויך אינדערפרי א האלבע גאס, דעמאלטס איז קיינער נישט מיטגעקומען מיט'ן רבי'ן, נאר איך בין דארט געווען. אויף יענער גאס וואו דער רבי איז געגאנגען איז נישט געווען דער ים, נאר אויף א גאס ארויפצו קעגנאיבער דער גאס.

איין טאג גייענדיג שפאצירן, קומט אינמיטן ארויס אן עלטערע נישט אידישע פרוי פון איר הויז אויף דער אנדערער זייט גאס, און זי שרייט צו אונז, "פארוואס נעמט מען נישט דעם רבי'ן נעבן וואסער?" דער רבי האט בכלל נישט געהערט ווי זי שרייט, און איך האב מיך אויך געמאכט נישט וויסנדיג און ווייטער געגאנגען.

דעם קומענדיגן טאג ווען מיר זענען אריבער דעם פלאץ, איז זי נאכאמאל ארויסגעקומען, דאסמאל איז זי געקומען ביז צום ראוד, און זי האט ווייטער געשריגן די זעלבע זאך, פארוואס מ'טראגט נישט דעם רבי'ן ביים וואסער. איך האב איר געוויזן אזוי אז מ'וועט עס שוין מסדר זיין, און דער רבי האט ווייטער נישט געהערט אז עפעס איז פארגעאנגען.

ויהי ממחרת איז די פרוי ווידער ארויסגעקומען. יעצט איז זי שוין געקומען ביז אינמיטן דעם ראוד, און זי האט נאכאמאל געפרעגט פארוואס מ'נעמט נישט דעם רבי'ן צום וואסער. דעמאלטס האט דער רבי אויפגעכאפט אז עפעס גייט פאר, און ער האט מיר געפרעגט וואס די פרוי וויל, האב איך אים געזאגט אז אן אלטישטקע פרוי פארפירט אז מ'זאל טראגן דעם רבי'ן צום וואסער.

פון דעמאלטס און ווייטער האט דער רבי מער נישט געוואלט גיין שפאצירן אינדערפרי...

מפי הרה"ח ר' מאיר הי"ו

### הרואה את הנולד:

## אז מ'קען זען, וויל מען זען

ווען מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען רב אין דער שטאט סאטמאר, פאר'ן קריג, איז מען אים אמאל געקומען פארציילן אז ס'איז דא א איד וועלכער גייט צום וואסער, וואו ס'איז אויסגעלאסן.

האט דער רבי יענעם אריבערגערופן און אים פארגעהאלטן דערויף. האט זיך יענער פארענטפערט אז ער גייט נישט דארט וואו ס'זענען דא אסאך מענטשן, נאר אויף א צווייטן פלאץ, וואו ס'איז מער-ווייניגער ליידיג, נאר אז מ'וויל דוקא קען מען זען, אבער סתם אזוי זעט מען נישט.



האט זיך דער רבי אנגערופן ברוב פקחותו וקדושתו, **"אז מ'קען זען, וויל מען זען!"**

**מפי הנ"ל**

**ובורח מן העבירה:**

# מ'איז שוין פארטיג מיט'ן באדעקן?

ס'האט דערציילט הגה"צ ר' שמואל טייטלבוים ז"ל, ראש הכולל מעורר השחר אין וויליאמסבורג, אז דער רבי זי"ע איז געווען ביי דער חתונה פונעם לאפושער רבי'ן פון בארא פארק (שפעטער אין קווינס), הגה"צ ר' יוקל טייטלבוים זצ"ל, וועמענ'ס זיידע הגה"צ ר' זלמן לייב טייטלבוים ז"ל איז געווען דער ערשטער וואס האט געהייסן נאכ'ן ייטב לב.

ווען מ'איז געגאנגען באדעקן די כלה נאך דער קבלת פנים, האט דער זיידע הגה"צ ר' זלמן לייב ז"ל געהופן דעם רבי'ן ער זאל מיטקומען. כאטש וואס געוועהנליך פלעגט דער רבי נישט גיין צום באדעקן, איז ער אבער יעצט לכבודו פונעם זיידן יא מיטגעקומען.

אריינגייענדיג, האט דער רבי אראפגערוקט דעם הוט ביז נאך די אויגן, און זיך אנגעכאפט אין צוויי מענטשן ביי די זייטן, און אזוי איז ער אריין ציטערדיגערהייט. ווען מ'האט געענדיגט באדעקן, האט דער רבי' געפרעגט, "מ'איז שוין פארטיג?" און איז שנעל ארויס.

**מפי נכדו**

**תורה מגנא ומצלא:**

# א שמירה אויף די מאנהעטענער גאסן

א איד איז אמאל אריינגעקומען צו מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, און געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל אים אנווינטשן היות ער דארף זיך דרייען כסדר אין די שמוציגע גאסן פון מאנהעטן צוליב זיין ביזנעס, וויל ער א ברכה פונעם רבי'ן אז די אלע נסיונות זאלן אים נישט שאטן פאר אידישקייט.

האט אים דער רבי' געזאגט, **"איידער דו גייסט קיין מאנהעטן, לערן א בלאט גמרא. דאס וועט דיר זיין א גוטער היטער במשך דעם טאג!"**

**זכר צדיק לברכה** ח"ב אות תתרז, **בקודש חזיתיך** עמ' קנה

## מי כעמך ישראל

# מיטגענומען דעם הוט ביים שפאצירן

עס דערציילט א קרוב פון **הרה"ח ר' משה אפרים שטיינמעץ ע"ה**, וועלכע האט געוואוינט אין שטאט קרית יואל און איז לעצטנ'ס נפטר געווארן, אז ר' משה אפרים פלעגט אלץ גיין שפאצירן אינדרויסן פון שטאט ביים שפאציר פלאץ, גייענדיג אנגעטון אָן דעם רעקל אבער יא מיט'ן הוט און מיט א משניות אין זיין האנט אריינקוקנדיג דערין בשעת ער האט שפאצירט.

מ'האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער גייט שטענדיג מיט'ן הוט, אפילו אין די גרעסטע היצן. האט ער געענטפערט אז דער הוט דארף ער וויכטיג צו קענען אראפרוקן איבער די אויגן אין פאל ס'קומט אונטער עפעס א ראיה.

**מפי קרובו**

# אן אויפשריפט אויפ'ן מקוה קארטל

מיין חשוב'ער טאטע הריני כפרת משכבו איז לעצטנס אוועק. ער האט געהייסן א פשוט'ער איד, אבער ער האט געלעבט מיט געהויבנקייט און פול מיט יראת שמים - ער האט פשוט מורא געהאט פון אן עבירה. ווען ס'איז אויסגעקומען זיך צו דארפן דרייען אויף אויסגעלאסענע מקומות, פלעגט אים עס שטארק באדערן, און שטענדיג פלעגט ער אונז אנווייזן אויף דעם און אויף יענעם מיט שעצונג, "קוקסט, ער איז אן ערליכער איד, ער היט זיינע אויגן!"

נאך וואס ער איז אוועק, האבן מיר געזען זיין מקוה קארטל. אויף דעם האבן מיר געטראפן ארויפגעקלעבט א צעטל מיט די ווערטער "ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך". ס'בלייבט אונז נאך איבער צו מקיים זיין דעם מתי יגיע מעשי למעשי אבות!

**מפי בנו**

## מכתבים למערכת:

המשך פון זייט 4

ר' אבא חייא לייגט צו דערויף, מיר בעטן ביים דאווענען "ודבק לבינו במצותיך", דער איבערשטער זאל "צוקלעבן" אונזער הארץ צו די מצוות. אויב איינער וועט קוקן אויף א פלעשל גלו, וועט ער זען אז אין די אנווייזונגען שטייט אלעמאל אז איידער מ'ניצט די גלו, דארף מען אפרייניגן דעם פלאץ וואו מ'וויל עס שמירן. אויב איז דער פלאץ נישט ריין, וועט דער גלו נישט קלעבן, אפגעזען ווי שטארק ס'איז.

דאס זעלבע איז אויך מיט די מצוות. אז מיר ווילן אונזער הארץ זאל זיין צוגעקלעבט צו זיי, דארפן מיר מאכן זיכער אז ס'איז ריין און די "גלו" וועט זיך קענען האלטן.

ד. ש. ק.

# על הטוב יזכר

כל הנדבנים החשובים שנטלו חלק בהוצאות הגליונות לרגל

"חדשי העינים קאמפיין"

### אלו שנדבו זכות | 2,000 גליונות |

הרה"ג **שמעון אברהם ראטה** שליט"א, ר"י השיב משה - לע"נ חמיו הרה"ח ר' חזקי' שרגא פייבל ב"ר צבי כ"ץ ע"ה, נפטר ער"ח אלול / הרה"ג **שלמה וויינבערגער** שליט"א / הר"ר **חיים אליהו צוויבל** הי"ו, לרגל שמחת השידוכין בביתו / הר"ר **יושע ברנ"ה פרידמאן** הי"ו / הר"ר **שמואל דוד ערנשטיין** הי"ו / הר"ר **יואל אלימלך כהנא** הי"ו / הר"ר **משה אלי' ווערצבערגער** הי"ו / הר"ר **משה מנחם שלעזינגער** הי"ו

לע"נ הרה"ח ר' **משה ב"ר שלום יצחק שעהר** ע"ה - ט"ו אב, נתנדב ע"י נכדיו

### אלו שנדבו זכות | 1,000 גליונות |

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו / הר"ר **מענדל ווערטהיימער** הי"ו / הר"ר **חיים הערש פרידמאן** הי"ו / הר"ר **דניאל גראס** הי"ו - לע"נ ר' חיים ב"ר פנחס ע"ה - ג' אב / הר"ר **נטע פריינד** הי"ו / הר"ר **ישי גרינפעלד** הי"ו / הר"ר **נפתלי האלבערשטאם** הי"ו, לע"נ שרגא זאב ב"ר ברוך נתן ע"ה - י"א אב / הר"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו, לע"נ הרה"ק יואל ב"ר חנני' יו"ט מסאטמאר זי"ע - כ"ו אב

לע"נ **יואל יהודה ע"ה ב"ר יוסף דוד הלוי** שליט"א - כ"ז אב / לזכות הנדבן ולכל משפחתו לשמירה ולהצלחה / לזכות **מאיר בן אסתר מלכה** להצלחה בכל ענינים / לזכות הנדבן לברכה והצלחה בכל ענינים

**השי"ת יעזור שזכות של זיכוי הרבים תעמוד לכל העוזרים במלאכת הקודש שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא**



## מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג
איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

### דברים, ואתחנן, עקב, ראה, שופטים...

איך טראכט אז מ'קען אריינטייטשן אין די פרשיות פון חומש דברים מענינא דיומא וואס איז נוגע אין די יעצטיגע זומער וואכן:

דער איבערשטער בעט זיך צו די אידן, **דברים ואתחנן**, איך בעט מיך מיט רייד, **עקב ראה**, וועגן דער ראיה, **שופטים**, מ'זאל שטעלן שופטים, גדרים וסייגים, **כי תצא כי תבא**, ביים ארויסגיין און ביים קומען, **נצבים וילך**, ווען מ'שטייט און ווען מ'גייט. **האזינו**, אויב וועט עטץ צוהערן צו דעם, **וזאת הברכה**, וועט דאס ברענגען אלע גוטע ברכות און השפעות אויף כלל ישראל.

(-) לומד בישיבת תורת משה, מאנטריאל

### ווען מ'איז דער ערשטער ביים טראפיק לאמפ

איבער דעם וואס אידן האבן געשריבן עצות ביים דרייוון, וויל איך צולייגן: איך פרוביר ווען מעגליך ביים אנקומען צו א רויטן לאמפ נישט צו שטיין דער ערשטער. אויב איז דא מער ווי איין ליניע, גיי איך דארט וואו ס'איז שוין דא א צווייטער.

אויב קומט יא אויס צו זיין דער ערשטער, האט עמיצער געשריבן אז מ'זאל ארויפקוקן צום לאמפ און אזוי וועט מען נישט זען די דורכגייער. דאס איז טאקע א גוטע עצה, אבער אין פאל ס'ארבעט נישט, קען מען מיטנעמען עפעס אינטערעסאנט און אריינבליקן דערין בשעת'ן שטיין ביים לאמפ.

ס'איז דאך מעשים בכל יום אז דער ערשטער דרייווער איז פארטון און ער הייבט בלויז אן פארן ווען מ'גיבט א פייף פון הינטן, איז דאך זיכער אז דאס מעג געשען ווען מ'וויל זיך היטן די אויגן. בפרט אז באמת איז מען דאך נישט עכט פארטון, נאר מ'ווארט צו הערן א פייף פון דער הינטערשטער קאר אז ס'איז שוין גרין און גלייך הייבט מען אן פארן.

י. וו.

### מ'האט אויפגעהערט זיך אפרעדן

איך האב געהערט פון **הגה"צ ר' חיים מערץ זצ"ל**, אז די סיבה פארוואס **הרה"ק מסקווירא זצ"ל** האט מחליט געווען צו גרינדן א שטעטל איז געווען, ווייל אין דער ערשטער תקופה דא אין אמעריקע האט ער כסדר געהערט פון מענטשן זיך אפרעדן איבער די נסיונות פון גאס און ווי שווער ס'איז זיך צו היטן. ס'איז דורך א שטיק צייט, און ער האט מער נישט געהערט אזויפיל זיך אפרעדן. האט ער מורא געהאט אז מ'הייבט זיך אן צוגעוואוינען... האט ער מחליט געווען אז מ'מוז האבן א אייגן שטעטל.

מעסעדזש #2962

### פאלגן די אנווייזונגען פונעם גלו פלעשל

בנוגע וואס איר האט געשריבן אז שמירת עינים איז דער שליסל צו שפירן א טעם אינעם שבת און אין אלע מצוות, וויל איך פארציילן א מורא'דיגע מעשה וואס איך האב געהערט פון הרה"ג ר' אבא חייא טויבער שליט"א.

ער פארציילט אז אמאל איז אים אויסגעקומען צו זיין אויף א שבת ביי **הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק זצ"ל**. דארט איז געווען א בחור וועלכער האט משמש געווען הרה"ק ר' איציקל.

האט אים דער בחור דערציילט, אז אמאל איז ר' איציקל נישט געזונט געווען, און ער איז געשטאנען טעג און נעכט און אים באדינט. ר' איציקל האט געשפירט א געוואלדיגן הכרת הטוב, האט ער אים געזאגט אז ער וויל אים באצאלן אויף זיין געטריישאפט, ער זאל אים זאגן וואס ס'פעלט אים. האט זיך דער בחור אנגערופן אז ער וויל שפירן א טעם אינעם שבת אזוי ווי דער רבי שפירט.

הערנדיג די בקשה, האט אים ר' איציקל געגעבן א קוק אן, און געזאגט: "צו פילן א טעם אין שבת דארף מען האבן טהרה - טהורים ירושה!"

המשך אויף זייט 3

הוצאות
טהור עינים
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950
פאר נדבות, הערות, רופט:
802.327.3592
ארץ ישראל: 0533149051
צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
845.206.9879
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

על הטוב יזכר

**זכות 3,000 גליונות**
נתנדב לע"נ הרה"ח **משה עזרא ב"ר שלמה זלמן הלוי** ע"ה

**זכות 3,000 גליונות**
נתנדב לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ** זי"ע

**זכות 2,500 גליונות**
נתנדב ע"י
הר"ר **שמואל ברי"ש פרידמאן** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 2,500 גליונות**
נתנדב לע"נ האה"ח **טויבא ב"ר יושע דוד** ע"ה

השי"ת יעזור שזכות של זיכוי הרבים תעמוד לכל העוזרים במלאכת הקודש שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא

דושת עינים
5 מינוטיגע טעגליכע שיעורים
718-362-8845
אידן דערציילן - שאלות ותשובות

